בס"ד

שנה ג'
נומער ק"ו
**פרשת ויחי**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל

פרייז:
**אמעריקע:** $3.5
**א"י:** 11 ש"ח



# מסע רבינו הקדוש

## קיין ארץ ישראל

שיחות הראש ישיבה:

**נישט פארטרעכטן די וועלט**

א מעשה פון א צדיק:

**דעם פארלוירענעם דיימאנד**

בילדער ארכיון:

**נסיעה קיין ארץ ישראל יאר תשע"ב**



דער ראש ישיבה שליט"א ביים געבן א שיעור אין היכל הקודש אין ירושלים עיה"ק

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:** 718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:** 845.379.1169
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM

Distribution: Distribution Express
929-430-4186
Distributionexpress1@gmail.com


## בריוו
### צו די רעדאקציע

## א מעשה פון א צדיק

א גרויסן יישר כח פאר די שיינע בלעטל איך בין זיך מחי' דערמיט יעדע וואך. ספעציעל האב איך הנאה פון די מעשה פון א צדיק, אמאל פלעג איך דארפן זוכן שיינע מעשיות מיט תוכן צו פארציילן ביים טיש, אצינד האב איך עס אויף א גאלדענעם טאץ.

ווי אויך האב איך זייער הנאה פון די סעודה מיטן ראש ישיבה, עס איז פאר מיר ממש ווי א לעבעדיגע דרשה. ישר כח!

א. ראטה ווילליאמסבורג

## פארקויפן דעם בלעטל

דא שרייבט ... נ"י פון מאנטשעסטער, א גרויסן ש'כח פאר די קרית ברסלב בלעטל, איך דרוק עס ארויס יעדע וואך און איך האב זייער הנאה דערפון.

איך האב געזעהן די וואך אז מ'האט עס אנגעפאנגען צו פארקויפן אין אמעריקע און אויך אין ארץ ישראל, וויאזוי ארבעט עס? מ'שיקט עס שוין געדרוקט קיין ארץ ישראל אדער זיי דרוקן עס דארט? איך וויל עס אנפאנגען צו פארקויפן אין ענגלאנד.

נ. ש. ש. מאנטשעסטער

רעדאקציע: אדרבה, אויב ווייסט איר פון א דרוק אין מאנטשעסטער וואס קען עס דרוקן יעדע וואך, און אזוי אויך א אינגערמאן וואס קען עס לייגן ביי די געשעפטן יעדע וואך, לאז אונז וויסן, און מיר וועלן עס פרובירן אויסארבעטן על צד היותר טוב.

## זמנים Liberty
פרשת ויחי י"ד טבת תשפ"ב

הדלקת הנרות.......... 04:11
מוצאי שבת ............ 05:42
מנחה מערב שמות . 05:30


## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין קרית ברסלב ליבערטי

**מו"ה יואל אפענהיים הי"ו**
**וזוגתו שרה רבקה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער אויפן הייליגן רבינ'ס וועג, און זעהן ביי זיי אסאך אידיש נחת.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב לעסער הי"ו**
**וזוגתו שרה תחי'**

**צו די אפשערן פון זייער צווילינג אינגלעך**
**נחמן נתן און הערש אלימלך נ"י**
**למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת פון דעם צווילינג און אלע קינדער געזונטערהייט.

דא איז די פלאץ זיך צו באדאנקן פאר אונזער געטרייע איבערגעגעבענע מנהלת וואס גיבט זיך אוועק טאג און נאכט, פאר די הצלחה פון יעדן תלמידה. דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן בכפלי כפלים, מיט אלעס גוטס וכל טוב סלה אמן



# שטעטל נייעס

## גרויסע חלוקה פארגעקומען ביים בית התבשיל



פארגאנגענע וואך איז פארגעקומען גאר א גרויסער חלוקה ביים בית התבשיל אין קרית ברסלב ליבערטי, פון וואס דער עולם האט זיך מחיה געווען, מען האט געקענט נעמען גאר גוטע פראדוקטן פאר די סכום פון איין גרויסע 0, יא איר ליינט גוט, עס האט נישט געקאסט קיין איין דאלער, די משפחות זענען אהיים מיט א גרויסע שמייכל.

אלע וואס זענען געקומען נעמען די פיינע פראדוקטן, זענען אנגעקומען צו א געדעקטן טיש, עס איז געווען אויסגעלייגט פון כל טוב וטוב, אבער אינטער יעדע גוטע זאך איז דא איינער אדער גאר אפאר וואילע אידן וואס שטייען אינטער דעם און מאכן זיכער אז דאס זאל קענען צושטאנד קומען.

אלע וואס זענען געקומען צום חלוקה האבן געטראפן דעם געטרייען וואלאנטור וואס איז גרייט שטענדיג צו העלפן מיט וואס מען דארף, איז דא אויך געווען גרייט ארויסצוברענגן א טראק אנגעפילט מיט עסן, דאס איז ר' ליפא שווארץ הי"ו, וואס האט זיך ארויסגעשלעפט א וועג פון אפאר שעה אהער, און דערנאך צוריקגעפארן אפאר שעה צוריק, אבער וואס טוט מען נישט פאר א צווייטן איד.

אזוי אויך והשני בדומה לו אונזער איבערגעגעבענער חבר ר' שלמה יאקאבאוויטש הי"ו האט געמאכט זיכער אז דאס זאל צושטאנד קומען על צד היותר טוב, און אז דער עולם זאל קענען האבן פון אלעם גוטס.

דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי די קינדער עד סוף כל הדורות.

אז מען רעדט שוין פונעם בית התבשיל איז וויכטיג צא באטאנען די סערוויסעס וואס בית התבשיל שטעלט צו במשך דעם יאר.

דער ערשטער סערוויס וואס אלע זעהן איז די עסן וואס ווערט צוגעשטעלט א גאנצע וואך ובפרט ערב שבת, וואס ר' שלמה פאר פערזענליך אראפ צו די בעקערי און צום גראסערי בשכנות, און נעמט פון זיי פרישע עסן וואס איז נישט פארקויפט געווארן דעם טאג, און ברענגט עס אהער אין שטעטל, וואס פון דעם זענען זיך גאר אסאך מחיה יעדן איינציגן וואך.

דערנאך איז דא יעדע שטיק צייט א גרויסע חלוקה פון רויע פראדוקטן, ווי למשל באקסעס אייער, פאטעיטאס, צוויבל, און אזוי ווייטער, וואס דאס איז נישט אלץ אזוי גרינג עס זאל צושטאנד קומען, און אסאך מאל קאסט דאס גרויסע געלטער, און אפילו מען באקומט די עסן אמזיסט דורך געוויסע וועגן, דארף מען נאכדעם זעהן א וועג עס זאל אנקומען אין שטעטל, און דאס קאסט אויך געלט.

און די דריטע סערוויס וואס דאס איז נאך גרעסער פון אלעס, איז דאס וואס מען באצאלט גראסערי ארדערס פאר אידן וואס קענען נישט באצאלן די גראסערי צוליב וועלכע סיבה עס זאל נאר זיין. דאס ציעט אריין אין גרויסע סכומים, בפרט ווען עס קומט פאר א יום טוב קאסט דאס פארן בית התבשיל אסאך אסאך מער ווי נארמאל.

דאס אלעס ווערט ערמעגליכט דורך אידן וואס רופן זיך אן ווארעם און געבן צושטייער פאר ר' שלמה יעדע מאל וואס ער קומט בעטן א נדבה, פרוטה פרוטה מצטרפת, און מיט דעם קען מען העלפן משפחות אויף שבת ויום טוב.

אויך איז דא די מעגליכקייט צו אריין לייגן דירעקט אין גראסערי פארן בית התבשיל.

אדרבה ווען איר דארפט א ישועה איר ווילט געהאלפן ווערן מיט סיי וואס, רופט אן דעם גבאי ר' שלמה יאקאבאוויטש הי"ו און זייטס מנדב פארן בית התבשיל, אין זכות פון העלפן א צווייטן איד וועט איר געהאלפן ווארן מיט די ישועה וואס איר נויטיגט זיך.

מוהרא"ש זי"ע פלעגט זאגן: ביי יעדע צדקה קען מען אויספאפן, איינער בעהט געלט פאר א חתן כלה, אבער עס קען גאר זיין אז די גאנצע געלט גייט פאר א טייערע חתונה, וואס איז פשוט געלט אין מיסט וכדומה, אבער ווען איר געט געלט פאר א איד וואס האט נישט צו עסן, איז דאס די גרעסטע צדקה וואס קען זיין.

צו מנדב זיין פארן בית התבשיל רופט אויף 845-637-5367

היכל הקודש

# נייעס

## בליץ באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין ארץ הקודש



נישטא קיין ווערטער אראפצושרייבן די הערליכע נסיעה וואס איז פארגעקומען אפאר טעג צוריק דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א אין ארץ ישראל, די געפילן זענען נאך אפן, די התרגשות איז נאך גרויס, אבער מען ווערט זיך דארפן צאמקלויבן און אראפ שרייבן וויפיל עס איז מעגליך, און אראפברענגען פאר אנשי שלומינו וואס מען איז אריבער.

די נסיעה האט זיך אנגעהויבן מיטוואך נאכט, ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך ארויסגעלאזט אין די באגלייטונג פון איין אינגערמאן, אן קיין שום פירסום וכבוד המדמה וכו', אויפן וועג האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגענוצט די צייט צו קענען שרייבן בריוון פאר אידן וואס ווארטן אויף תשובות אין אלע ענינים.

### בני ברק

דער ראש ישיבה איז אנגעקומען דאנערשטאג מיטאג, גלייך האט מען זיך ארויסגעלאזט קיין עיר התורה בני ברק, ווי דער ראש ישיבה האט אפגעשטאט א באזוך אין שטוב פון מו"ה נתן לב הי"ו, וואס אין זיין שטוב ווערט געדרוקט יעדן וואך די גליונות פון היכל הקודש, דייקא אין דעם שטוב האט דער ראש ישיבה אויסגעקליבן צו באזוכן און געבן א שיעור.

אנשי שלומינו פון בני ברק זענען זיך צאמגעקומען ביי ר' נתן אין שטוב ווי מען האט אפגעווארט דעם ראש ישיבה, עס איז געווען גאר שיינע שמועסן און התחזקות.

### בית שמש

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריבער קיין בית שמש אינעם שטוב פונעם מנהל בית הדפוס אין בית שמש מו"ה יצחק ראטה הי"ו וואס האט געמאכט פלאץ אין זיין שטוב מען זאל קענען דרוקן די גליונות יעדן איינציגן וואך.

עס איז זיך צאמגעקומען א גרויסער עולם אנשי שלומינו פון בית שמש, וואס ווארטן שוין אזוי לאנג אויף דעם געלעגנהייט אז דער ראש ישיבה זאל זיי קומען באזוכן, און יעצט איז עס פארווירקליכט געווארן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשמועסט מיט די בחורים און אינגעלייט, און דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן גאר א הערליכע שיעור (מען קען עס הערן אויף קול ברסלב 212-444-9191) פון וואס אלע זענען ארויס מלא התחזקות.

דערנאך האט מען געוויזן פארן ראש ישיבה א רשומה פון אלע אנשי שלומינו וואס זענען מפיץ יעדע וואך אין בית שמש, פון וואס דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט.

פון דארט איז דער ראש ישיבה אריבער זיך באטייליגן ביים שמחת השבע ברכות פון החתן חיים נ"י בן מו"ה נפתלי יאקאבאוויטש שליט"א מתלמידי היכל הקודש, דער ראש ישיבה האט גערעדט אפאר ווערטער לכבוד די שמחה.

### ירושלים

נאכן שבע ברכות האט זיך דער ראש ישיבה ארויסגעלאזט קיין ירושלים עיר הקודש, א נסיעה אויף וואס מען ווארט שוין זייער לאנג, ווי דער ראש ישיבה איז זיך געגאנגען צולייגן צו קענען האבן פרישע כוחות פארן שבת קודש.

אינדערפרי האט דער ראש ישיבה געדאווענט מיט אנשי שלומינו אין בית המדרש היכל הקודש ירושלים, און דערנאך פארגעלערנט א דף גמרא, נאכן דף האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט גאר וויכטיגע הדרכות וואס איז נוגע פאר א בית המדרש היכל הקודש. דערנאך האט זיך דער ראש ישיבה אוועקגעזעצט אויף א פלאץ און געלערנט זיינע שיעורים קבועים.

נאכן לערנען איז דער ראש ישיבה געגאנגען באזוכן מו"ה שמעון עוזר פערל שליט"א וואס דרוקט די גליונות ביי זיך אין שטוב, ער האט געוויזן פארן ראש ישיבה אלע דעטאלן פונעם דריקערי.

פון דארט איז דער ראש ישיבה אהיים צו זיין אכסניא, עס איז אריבער געקומען א חשובע גאסט הרה"צ ר' שמעון שפירא שליט"א מחשובי משפיע ברסלב, עס האט זיך פארוויקלט גאר א שיינע שמועס פון די וויכטיגקייט פון חתונה מאכן די קינדער, וואס דאס איז די איינציגסטע עצה צו ראטעווען די היינטיגע יונגט.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געשריבן א אות אין א פרישע ספר תורה וואס מען האט געהייבט יעצט אן שרייבן פאר'ן בית המדרש היכל הקודש. נאכדעם האט מען זיך גרייט געמאכט צום שבת קודש.

### שבת אין ירושלים

א שבת אין ירושלים מיט'ן ראש ישיבה שליט"א! דאס איז א זאך אויף וואס אנשי שלומינו אין ארץ הקודש קוקן ארויס שוין גאר א לאנגע צייט, און יעצט איז עס ברוך השם פארווירקליכט געווארן. אכן זמן כניסת השבת איז מען געגאנגען דאווענען אין בית המדרש היכל הקודש ירושלים, מען האט געהאט די געוואלדיגע זכיה צו הערן דעם ראש ישיבה דאווענען פארן עמוד 'קבלת שבת', עס האט געגעבן פאר די מקורבים

## היכל הקודש
# נייעס

אין ירושלים א שטיק חיות - נאר צו קענען הערן דעם ראש ישיבה דאווענען פארן עמוד איז שוין געווען גענוג, נאכן דאווענען איז מען אריבער זאגן גוט שבת פאר'ן ראש ישיבה שליט"א.

פרייטאג צונאכטס איז מען זיך צאמגעקומען זינגען זמירות שירות ותשבחות פארן אייבערשטן, דער ראש ישיבה האט ארום גערעדט פון יוסף הצדיק וויאזוי ער האט שטענדיג גערעדט צום אייבערשטן, אויך האט מען ארום גערעדט הנהגות פאר פרישע מקורבים.

פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט פעולת הצדיק, זייער שטארק ארום גערעדט וועגן אומאן ראש השנה. דערנאך איז געווען גאר א ווארימער דאווענען, שחרית האט דער ראש ישיבה געדאווענט פאר'ן עמוד - עס האט געשפירט טעם גן עדן. די עליות האט מען געגעבן פאר אלע וואס גייען עפענען היכל הקודש שולן אין אלע געגנטער פון ארץ ישראל.

נאכ'ן דאווענען איז געווען א ברית פון מו"ה אהרן גאלדשטיין הי"ו וואס וואוינט אין בית שמש, מען האט מכבד געווען דעם ראש ישיבה מיט די ברכות און קריאת השם.

נאכן דאווענען האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט סיפורי מעשיות מעשה די מעשה פון חכם ותם, וואו דער רבי זאגט דארט אז מען דארף זיך פרייען מיטן דאווענען אפילו עס האט א פנים וואו א שיך מיט דריי עקן, ובפרט האט מען גערעדט אויף די ענין וויאזוי צו פירן א שטוב, וואס דאס איז ביים הייליג'ן רבין א יסוד היסודות.

אינטערסאנט איז געווען אז הארט נעבן די שול האט געפלאצט א וואסער רער, וואס האט אביסל שווער געמאכט דאס ארויס גיין פון בית המדרש, איינער האט זיך אנגערופן: "צו קומען צום ראש ישיבה דארף מען אדורך גיין זיבן וואסערן."

שלש סעודות איז אריבער גאר ווארעם, עס איז געקומען צו לויפן א ריזיגער עולם פון גאנץ ירושלים הערן דיבורי התחזקות. מען האט געזינגען צוזאמען זמירות, און דערנאך האט מען געהערט דיבורים פונעם ראש ישיבה וואס מ'האט פארגעלערנט פון חיי מוהר"ן סימן תר"י, די וועג וויאזוי מען דארף רעדן צום אייבערשטן זיך אויס'טענה'ן מיטן אייבערשטן, אויך האט מען שטארק ארום גערעדט חיזוק אויף לערנען תורה, אויב א מענטש וועט לערנען יעדן טאג כך וכך וועט ער זיכער ארויסגיין פון אלע זיינע שלעכטע מעשים. אין ישיבות זוכט מען אראפ צו קלאפן די בחורים, "דאס הייסט געדאווענט, דאס הייסט געלערנט" אבער דער אמת איז אז יעדע קלייניגקיט איז חשוב ביים אייבערשטן.

נאכ'ן דאווענען איז מען ארויס מקדש זיין די לבנה, און דערנאך ארויס אין א טאנץ.

### סעודת הילולת רבי נתן זצ"ל

מוצאי שבת איז געווען דער קלימאקס פונעם געהויבענעם שבת, מען איז זיך צאמגעקומען פון אלע עקן ארץ ישראל אין א זאל וואס איז געווארן ארויסגענומען ספעציעל פארן מלוה מלכה, כדי צו קענען אקאדאמירן דעם גרויסן ציבור, מען האט געגעסן און געזינגען צוזאמען פאר א שטיק צייט, אויך האט דער ראש ישיבה אפגעשוירן אפאר קינדער וואס ווערן יעצט דריי יאר, ווי אויך האט מען געהאט א סיום פון א חשוב'ער אינגל וואס האט מסיים געווען משניות.

דערנאך האט מען געהערט פייערדיגע דיבורים פונעם ראש ישיבה, וואס האט גאר שטארק ארום גערעדט וואס דאס איז ברסלב, און וואס דאס מיינט פאר אונז אויפן טאג טעגליכן לעבן, א ברסלב'ער חסיד דארף שטענדיג ווערן אז נאך א איד זאל צוריק קומען צום אייבערשטן, נאך א איד זאל וויסן אז דער אייבערשטער האט אים ליב און ער איז נישט פארפאלן, בפרט די היינטיגע הפצה פון לייגן גליונות אין שולן, דאס איז גאר א שטארקע הפצה (מען קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף קול ברסלב).

### סיום מסכת תענית

זונטאג אינדערפרי האט מען געדאווענט צוזאמען שחרית אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים, דערנאך האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם לעצטן דף גמרא פון מסכת תענית און דאס מסיים געווען ברבים, ביים סיום האט דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די וויכטיגקייט פונעם דף גמרא, וואס דאס ראטעוועט דעם מענטש פון אלעם שלעכטס.

### מירון - טבריה

פפון דארט האט מען זיך ארויסגעלאזט אויף מירון צוזאמען מיט א גרויסע קבוצה אנשי שלומינו, מען איז אריין צום ציון און זיך דארט גוט אויסגעבעטן אויף אלע ישועות וואס מען דארף נאר, דערנאך איז מען ארויף אויבן אויפן דאך פון די מערה, ווי מען האט געזינגען ווארימע ניגונים פאר א שטיק צייט, און דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט און גאר פרייליכע טענץ פאר א לענגערע צייט, מען האט זיך געפרייט אז מען האט די זכיה צו זיין מקורב אין אזא הייליג פלאץ.

דערנאך איז מען אריבער קיין טבריה צום ציון פון רבי מאיר בעל הנס, מען האט געדאווענט מנחה, און דערנאך איז גוט אויסגעבעטן ביים ציון אלעס גוטס.

### יבנאל עיר ברסלב

די קלימאקס פונעם נסיעה איז געווען ביים סוף ווען דער ראש ישיבה איז אריבער צו יבנאל, צום ציון פון אונזער רבי מוהרא"ש זי"ע, דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די בחורים זיי זאלן זאגן גאנץ תהלים בלי הפסק, כדי צו האבן די סגולה וואס מוהרא"ש האט געזאגט פאר בחורים און מיידלעך וואס ווארטן אויף א שידוך. עס איז געווען גאר א גרויסע התעוררות, מען האט זיך דארט גוט מתבודד געווען פאר א לענגערע צייט, און זיך גוט אויסגעבעטן אויף אלעס וואס מען דארף.

די נסיעה וועט זיכער געדענקט ווערן פאר א לענגערע צייט, עס איז זיכער געווען א גרויסע התחזקות פאר אלע אנשי שלומינו פון ארץ ישראל.



# מעשיות פון תפילה

**שמעון קארדוזא - קרית ברסלב:**

איין נאכט בין איך געפארן אויפ'ן וועגן ווען מיטאמאל זעה איך א פאליציאנט פארט מיך נאך און ווינקט מיר איך זאל זיך אריינציען אין די זייט, איך האב געוויסט אז איך האב נישט פארלעצט קיין שום געזעץ.

גלייך האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נישט באקומען קיין טיקעט. דער פאליס מאן קומט צו מיין פענסטער און פרעגט מיר צו איך ווייס פארוואס ער האט מיר אפגעשטעלט, האב איך געזאגט אז נישט, זאגט ער מיר אז איינע פון די לעקטערס ביי די לייסענס פלעיט ארבעטן נישט. האב איך אים געזאגט אז איך האב שוין ממילא געקויפט א נייע קאר און דער קאר גייט אין מיסט, זאגט ער מיר אז ער מוז מיר געבן א טיקעט, אבער אויב איך גיי קויפן א נייע לעקטער און איך ברענג די רעסיט צום פאליציי סטאנציע ווער איך פטור פונעם טיקעט.

איך בין געגאנגען אין געשעפט קויפן א לעקטער וואס קאסט נישט מער פון צוויי דאלער און עס אריבער געטראגן צום פאליס סטאנציע. שכח אייבערשטער פאר אזא ביליגע טיקעט.

**יעקב משה אינדארסקי - קרית ברסלב:**

איך האב געמאכט אן אפוינטמענט ביים פיס דאקטער, ווען איך בין אנגעקומען צום דאקטערס אפיס זאגן זיי מיך אז ס'איז נישטא אין די סיסטעם אן אפוינטמענט פאר מיר.

האב איך שנעל געבעטן דעם אייבערשטן אז דער דאקטער זאל מיך יא היינט אננעמען און איך זאל נישט דארפן צוריקקומען, נאך אפאר מינוט בעטן דעם אייבערשטן זאגן זיי מיר אז דער דאקטער קען מיר יא אויפנעמען, אפילו לויט זייער סיסטעם האב איך נישט געהאט קיין אפוינטמענט. שכח אייבערשטער.

**מרדכי אהרן היילפרין – קרית ברסלב:**

דער ווינטער איז אנגעקומען דא אין שטעטל. זונטאג - די פארגאנגענע וואך האט אנגעהויבן שנייען, ס'האט אזוי געשנייט א גאנצן טאג. איך האבן פארגעסן צו ארויפציען דעם שלאק וואס איז נאך געווען פארמאכט פון זומער, און די שניי האט זיך אנגעהויבן זעצן דערויף, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל ווערן ווארעם אזוי אז די שניי זאל זיך צולאזן און איך זאל קענען עפענען די שלאק, ווייל אויב צופיל שניי זאמלט זיך אויף דעם שלאק וועט עס צוזאם פאלן און דאס איז גאר א טייערע שלאק.

שכח אייבערשטער אז נאך צוויי טעג איז געווארן ווארעמער און די שניי האט זיך צולאזט, און איך האב געקענט ראטעווען מיין שלאק פון ווערן צובראכן.

**אברהם יצחק אייזנער - וויליאמסבורג:**

איך האב געדארפט אנקומען ערגעץ וואס אויב איך קום אן שפעט פארפאס איך וויכטיגע זאכן. איך בין געווען אויפ'ן וועג און די GPS האט געזאגט אז איך גיי אנקומען 15 מינוט שפעט, האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז ווען איך קום אן זאל מען אנפאנגען אזוי זאל איך גארנישט פארפאסן.

שכח אייבערשטער אז איך בין אנגעקומען נאר צען מינוט שפעט און אין די רגע ווען איך בין אנגעקומען האט מען אנגעפאנגען, און איך האב געהעריג געקענט מיטהאלטן!

**אנשי שלומינו - ירושלים:**

שוין אפאר יאר וואס מיר בעטן דעם אייבערשטן, מיר זאלן האבן די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל וויילן א שבת מיט אונז, אבער כסדר האט דער אייבערשטער געפירט פארשידענע זאכן וואס האט גורם געווען אז דער ראש ישיבה האט נישט געקענט קומען, ווי למשל קאראנא, יעדע שטיק צייט איז דאס לאנד געווארן פארשפארט פאר אויסלענדישע באזוכער, און ווען דער ראש ישיבה איז מיט גרויס חסדים שוין ענדליך אנגעקומען אין ארץ הקודש ל"ג בעומר איז דער ראש ישיבה געווען אין מירון, דא אין ירושלים האט מען שוין ארויסגעקוקט גאר שטארק ווען דער ראש ישיבה וועט זיך אריבערכאפן אונז צו מחזק זיין פונדערנאנט, אבער דער אייבערשטער האט אנדערש געפירט ווען פארשידענע סיבות האבן זיך געמאכט און דער ראש ישיבה האט געמוזט זיך אופהייבן און צוריקפליען קיין אמעריקע.

אבער מיר האבן נישט אויפגעגעבן פון בעטן דעם אייבערשטן אז דער ראש ישיבה זאל יא זיין מיט אונז פאר א שבת, און שכח אייבערשטער אז יעצט דעם פארגאנגענעם שבת פרשת ויגש איז דער ראש ישיבה געווען דא אין ירושלים, ווי מיר האבן געהאט גאר א געהויבענעם שבת.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א



בעזרת השם יתברך - ערב שבת פרשת שמות, שנת תשע"ז לפ"ק

לכבוד ...

זעהט צו געבן צדקה פאר איר צינד אן די שבת ליכט, און אזוי אויך יעדעס מאל וואס איר דארפט א ישועה זאלט איר געבן אפאר פרוטות פאר צדקה, און בעט דעם אייבערשטן די בקשה, וועט איר זיכער זען א ישועה. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדקה, סימן כז): "**יִתֵּן לִצְדָקָה בִּשְׁתֵּי יָדַיִם, וְיִהְיֶה תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת**" - מען זאל געבן צדקה מיטביידע הענט, וועט אנגענומען ווערן די תפילה.

איך האף אז איר האט א צדקה פושקע פון די מוסד, און אייערע צדקה געלט לייגט אריין אין די פושקע פון די מוסד, ווייל מיר האבן נישט קיין שום שטיצע פון אינדרויסן; פאר יעדן מוסד וועט מען געבן, אבער ברוך השם פאר היכל הקודש דארף מען האבן א באזונדערע זכי' צו קענען געבן. דערפאר בעט איך אייך אז איר זאלט יעדן טאג אריין לייגן אפאר פרוטות אין די פושקע פון די מוסד, אזוי וועט איר האבן א חלק אין דאס לערנען פון די הייליגע ריינע קינדער שלא טעמו טעם חטא; איך מוטשע מיך זייער צו קענען אנגיין טאג טעגליך, צו קענען באצאלן די איינגעשטעלטע, און אלעס וואס מען דארף האבן פאר א מוסד, און מיט יעדע פרוטה וואס איר לייגט אריין אין די פושקע העלפט איר מיר. ווען עס וועט פיל ווערן זאל עס אייער מאן מיר איבערגעבן.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר געבן אכטונג אויף די קינדער, מיר פארשעמען נישט קיין קינדער און מיר צעקלאפן נישט קיין קינדער; די מלמדים און די טיטשערס געבן זייער אכטונג אויף דעם, מער ווי אויף אלעס. דאס איז ביי אונז די ערגסטע זאך: סיי נישט צו שלאגן קיין קינד (מען מיינט נישט צו זאגן ווען מען געבט א קליינע פעטשעלע פאר א קליין קינד, אים אויסצולערנען נישט צו טון קיין סכנה'דיגע זאכן, ווי למשל גיין אויפן גאס וכדומה), און סיי נישט צעברעכן מיטן רעדן; עס קען זיין אמאל אז א מלמד אדער טיטשער זאל מער קאליע מאכן מיטן מויל ווי מיט פעטש. ברוך השם אז די מלמדים און טיטשערס ארבעטן זייער געטריי, און איר זאלט אויך אכטונג געבן נישט צו צעברעכן אייערע קינדער.

חינוך איז פון די שווערסטע עבודות, און זייער אסאך מענטשן דרייען זיך ארויס דערפון, אדער נעמט מען עס נישט גוט אן. אדער זענען דא עלטערן וואס שלאגן די קינדער און שרייען אויף די קינדער וכו', וואס דאס איז נישט חינוך, דאס איז פשוט אז מען לאזט אויס די נערוון אויף זיי רחמנא לצלן, נאכדעם איז דא עלטערן וואס זיי טוען גאר דעם היפך, זיי לאזן די קינדער אלעס טון און זיי זאגן גארנישט וכו', וואס דאס איז אויך נישט קיין וועג, ווייל **קינדער וואס מען איז נישט מחנך קענען נאכדעם נישט לעבן.**

איך קען נישט אראפ שרייבן אין איין בריוו כל התורה כולה, אבער איין פרט וועל איך אייך שרייבן, און איך וועל פרובירן יעדע וואך אייך צו שרייבן נאך א פרט און נאך א עצה אין חינוך. **איך האף אז איר לייענט די בריוו**, און בעטס אייער מאן ער זאל עס אייך אהיים ברענגען, אזוי קענט איר איבער חזר'ן יעדע מאל אלע בריוון וואס איך האב אייך געשיקט.

מען דארף מחנך זיין א קינד, און מען דארף זיין שטרענג מיט יונגע קינדער בפרט, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן סד): "**צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו**", אבער אין די זעלבע צייט טאר מען נישט חס ושלום אפסטעמפלען דעם קינד. למשל א טאטע אדער מאמע וואס ווילן מחנך זיין דאס קינד זאל זיך 'צאמנעמען', אויב די עלטערן הייבן אן זאגן: 'דו צעפלויגענער וואס דו ביסט', 'דו שלאכע מירל וואס דו ביסט', די עלטערן זענען גורם אז דאס קינד וועט אויפוואקסן א קאליקער רחמנא לצלן, אדער לאמיר אנכאפן אן אנדערע משל, א קינד וואס האט מורא פון זאכן ה"י, טאר מען נישט זאגן: 'דו בעיבי', 'דו סקערי קעט', ווייל דאס איז גורם אז דאס קינד בלייבט א גאנץ לעבן פעלערהאפטיג.

**קיינמאל זאלט איר נישט אפסטעמפלען אייערע קינדער מיט א נאמען:** 'גראבער', 'נער', 'טיפוש', ווייל עס העלפט נישט קיין מחילה אויף דעם, און איר וועט דעם גאנצע לעבן זיך מוטשען מיט א קראנקער קינד וואס איר אליין האט עס גורם געווען. קינדער דארף מען זאגן נאכאמאל, און נאכאמאל, און נאכאמאל, ביז צוביסלעך הייבן זיי אן זיך פירן אזוי ווי מען דארף; דער עיקר זאלט איר זען אז עס זאל זיין א פרייליכע לופט אין שטוב, און עס זאל נישט זיין אנגעצויגן אין שטוב. **קינדער האבן ליב טאנצן און שפרינגען און לאכן**, און דאס איז זייער געזונט פאר זיי.

וואס איר דארפט זאלט איר בעטן פונעם אייבערשטן, און אפילו איר זאגט אז איר האט שוין געבעטן, בעטס נאכאמאל. אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות לב:): **אמר רבי חמא ברבי חנינא: "אם ראה אדם שהתפלל ולא נענה, יחזור ויתפלל"**, א מענטש וואס האט געבעטן דעם אייבערשטן אויף א זאך און ער זעט אז ער האט עס נישט באקומען, זאל ער נאכאמאל בעטן, אזוי ווי עס שטייט (תהלים כז, יד): "**קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'**"; דערפאר זאלט איר אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך וואס איר דארפט נאר, ובפרט אויף קינדער.

**דער אייבערשטער זאל דיר העלפן איר זאלט האבן א פרייליכן שבת.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



### נישט פארררעכטן די וועלט

איינער האט געזאגט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א היות די צייטונגען שרעקן זייער אן אז מען קען שטארבן און עס קען פאסירן אנדערע קרענק וכו' אויב מען נעמט די וואקסין זיך צו באשיצן פון די קאראנע ווייררוס, אפשר זאל דער ראש ישיבה ארייגליייגן א מודעה אין די צייטונג אז עס שאדט נישט, האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "ווען איך וואלט נישט געווען מקורב צו מוהרא"ש - וואלט איך דאס געטון, אבער ברוך השם איך בין מקורב געווארן צו מוהרא"ש, האט מיר מוהרא"ש אויך געגעבן די שכל אז איך דארף נישט פארררעכטן פון די וועלט".

### זעקס ביליאן יאר טיק"ס...

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט שטענדיג מען זאל אכטונג געבן נישט ליינען קיין אויסגאבעס אפילו עס זעט אויס היימיש קען זיין דארט סם המוות, און דער ראש ישיבה האט דערציילט: איינער פון די תלמידים האבן מיר דערציילט, אז ער פירט זיך שוין א לענגערע צייט נישט אריינצונעמען קיין שום אויסגאבעס אין שטוב, ער זאל האבן א ריינע שטוב אן קיין דרויסנדיגע השפעות, דאס יאר פאר סוכות האט ער געטראכט אהיימצונעמען איינע פון די מאגאזינען וואס ווערן פארטיילט אומזיסט ביי די גראסעריס, ער זאל האבן וואס צו ליינען, האט ער פונקט אויפגעמישט אן ארטיקל וואס רעדט זיך איבער טיק"ס, שטייט דארט אזוי: "די פארשער זאגן, שוין זעקס ביליאן יאר וואס עס דרייען זיך ארום טיק"ס..." האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "דאס איז ממש כפירות ואפיקורסת, די וועלט שטייט נאך נישט אזויפיל יאר, דאס איז ארויסגענומען ווארט ביי ווארט פון גוי'אישע ביכער, און ליידער דאס פארשפרייט מען פאר אידישע קינדער, און מען ליינט עס נאך".

בעזרת ה' יתברך ד' פרשת מקץ, כ"ח כסליו, ד' דחנוכה, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר

איך דאנק דיר פאר'ן דרייוון די שאטל.

עס קען זיין דו שפירסט זיך אומעטיג ביים דרייוון, עס איז דא גאנצע שעות וואס דו פארסט ארום און ארום די שטעטל ליידיג, דו שפירסט זיך ווי דו טוסט גארנישט; זאלסטו וויסן אז דו טוסט יא, ביי מיר טוסטו אסאך; איך וויל זייער שטארק עס זאל זיין א שאטל פאר די משפחות צו קענען קומען און גיין, דו העלפסט מיר בויען דעם שטעטל.

זיי זיך מתבודד, צינד אן ניגוני אמונה; אויפ'ן שאטל קענסטו אנצינדן נאר ערליכע ניגונים.

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משה צדקינו

# הפצה ווינקל

היכל הקודש




## בְּרִיוו

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ יוֹם ו׳, עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

מָרַת ... תִּחְיֶ׳, יְרוּשָׁלַיִם.

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר אַרְבֶּעט מִיט אַייעֶר גַאנְצֶע כֹּחַ אִיבֶּערְצוּטַייטְשְׁן דֶעם גִלְיוֹן אוּן דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; אַנְשְׁטָאט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִים אִינֶעם טָאג וָואס אִיר יֶערְט זִיךְ צוּ לַאנְגֶע יָארְן - הָאט אִיר אַרַיין גֶעלֵייגְט אַסַאךְ שָׁעוֹת צוּ אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דִי בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן פַאר אַנְדֶערֶע, **דָאס אִיז חָשׁוּבְ׳עֶר פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט.**

מוֹהֲרַא״שׁ פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק מְדְרָאבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוֶוען אִיז אִים רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן רֶבִּי מִיכְעלֶע זְלָאטְשׁוּבֶער, אַז אוֹיבְן אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?״ הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מְדְרָאבִּיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״עֶר לֵייגְט אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען וְכוּ׳״, הָאט אִים רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: ״פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי״, הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מְדְרָאבִּיטְשׁ גֶעזָאגְט: ״עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְּלַייסִיג״, הָאט אִים רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִיקִים לֶערְנֶען פְּלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעַשׁ׳ט זִיךְ נָאךְ נִישְׁט״, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״צוּלִיבּ זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ׳״, הָאט רַשִׁ״י נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מְדְרָאבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אֶפְשָׁר וַוייל **עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק**״, הָאט רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: ״הַיְינוּ דְאַהֲנִי לֵיהּ, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעַשׁ׳ט זִיךְ פוּן אִים״.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער**

## א מעשה פון הפצה

נחמן שמואל יאקאבאוויטש:

אלץ זיכט מען דאך א וועג וויאזוי מען קען מאכן הפצה.

איין טאג בין איך געפארן פון וויליאמסבורג צו בארא פארק,ביים דורכפארן די היטש פלאץ האב איך זיך אפגעשטעלט און אריינגענומען אפאר בחורים פאר א היטש.

אויפן וועג האב איך אנגעצינדן א דרשה פונעם ראש ישיבה, א הערליכע שיעור פרשת ויצא, דער ראש ישיבה רעדט דארט א וועגן רעדן צום אייבערשטן, דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט וועגן שידוכים וכו׳.

איך קום אן קיין בארא פארק און איינע פון די בחורים פרעגן מיר ״ביז וואו פארט איר״? האב איך אים געזאגט ביז וואו איך פאר, זאגט ער מיר: ״איך וועל דארט אראפגיין״, דער בחור האט פשוט נישט געקענט ארויס גיין פון מיין קאר ווייל ער האט נאך געוואלט הערן נאך א ווארט התחזקות פונעם ראש ישיבה, די דרשה האט אים ממש אויפגעלעבט.

איך האב אים געגעבן א קארטל וואס שטייט אויף דעם די האט ליין נומבער, אזוי זאל ער ווייטער קענען הערן די שיעורים ווען אימער ער וויל.

דאס איז נאך א וועג וויאזוי מען קען מחיה זיין אידישע קינדער, סיי מען האט א מצוה פון געבן א היטש פאר א איד, וואס דער ראש ישיבה זאגט שטענדיג אז דאס איז די מצוה פון הכנסת אורחים, און סיי מען קען מזכה זיין א איד צו הערן אביסל חיזוק אויפן וועג.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## ספר "ריינע אויגן" ארויס פון דרוק




נאך אפאר יאר וואס עס קומט שטענדיג ארויס נאך א קונטרס אין די סעריע פון היטן די אויגן, איז שטענדיג געווען א פארלאנג פונעם עולם אויב מען קען עס צאמשטעלן אין איין ספר, אזוי זאל מען עס קענען דורך לערנען ווען עס פעלט זיך אויס.

ברוך השם נאך א לאנגע צייט האלט מען שוין דא, און מען קען מעלדן די גוטע בשורה, אז פארגאנגענע וואך איז ארויס פון דרוק ספר "ריינע אויגן" וואס נעמט צאם אלע קונטרסים וואס איז שוין ארויס געקומען ביז יעצט אין די סעריע.

די ספר אנטהאלט קונטרס "געזונטע אויגן" "היט דיינע אויגן" "הייליגע אויגן" "זויבערע אויגן" "לויטערע אויגן" "ליכטיגע אויגן" "ריינע אויגן" "שיינע אויגן". קויפט און האט הנאה.

אויך איז יעצט איבערגעדרוקט געווארן ספר "אשר בנחל אידיש" מיט א ווייכע דעקל, נאכדעם וואס איז אריין געקומען א פארלאנג פון די מפיצים אז די עולם זיכט פון דעם און עס איז שוין נישט דא צו באקומען. צו באשטעלן רופט אריין אין אפיס פון בית הדפוס 718-387-2691

# בילדער פון קרן הדפסה



מען דרוקט איבער ספר "אשר בנחל אידיש"



אנגעקומען פרישע פאלעט פאפיר



מען דרוקט ספר "ריינע אויגן"

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**שמעון זיגלער**
מאנסי

**מרדכי לייב טירנויער**
קרית יואל

**אברהם דוד לאקס**
קרית ברסלב

**יעקב דוב כהן**
קרית יואל

**יודא ליעבערמאן**
לעיקוואד

**יואל פעדער**
וויליאמסבורג

**מאטי היימליך**
קרית ברסלב

**יחזקאל זיגלער**
בארא פארק

**יצחק משה רייך**
בארא פארק

**הרוצה בעולם שמו**
ווילאמסבורג

**לוי יצחק זאפיר**
בארא פארק

**אייזיק ראטה**
ווילאמסבורג

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** | email: **donate@kerenhadfusa.org** | whatsapp: **518.966.2370**



# א מעשה
## פון א צדיק

### מעשה מיט'ן דיימאנד

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אָרִימֶער מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁפַּייזְט דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעגְרָאבְּן לֵיים אוּן דָאס פַּארְקוֹיפְט, אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן גְרָאבְּן הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַ שְׁטִיקְל גְלָאז וָואס שַׁיינְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵיידְט דֶערְצוּ, אוּן עֶר גֵייט מִיט דֶעם צוּ אַ סְטָאר, זָאגְט אִים יֶענֶער: דוּ וֵוייסְט וָואס דוּ הָאסְט? דָאס אִיז דָאךְ אַ דֵיימַאנְד! אוּן עֶר שִׁיקְט אִים צוּ אַ סְטָאר וָואס פַּארְקוֹיפְט צִירוּנְגֶען מִיט דֵיימַאנְטְן, גֵייט עֶר דָארְט אַרַיין, זָאגְט אִים דֶער גֶעשֶׁעפְטְס מַאן: דוּ הָאסְט אַ פַּארְמֶעגְן וָואס דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל הָאט נִישְׁט אַזוֹיפִיל גֶעלְט וִויפִיל דֶער דֵיימַאנְד אִיז וֶוערְד, דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ גֵיין אִין שְׁטָאט אַרַיין דָארְטְן וֶועסְטוּ טְרֶעפְן מֶענְטְשְׁן וָואס הַאנְדְלֶען מִיט דֵיימַאנְטְן, וֶועלְן זֵיי דִיר דָאס קֶענֶען בַּאצָאלְן.

אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אַפִילוּ פַארְן וֶועג, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּפִיס, בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט, זָאגְט אִים דָארְט אֵיינֶער פוּן דִי דֵיימַאנְט סוֹחֲרִים: דוּ הָאסְט אַזַא פַארְמֶעגְן אַז נָאר בַּיי דִי קֶענִיגְלִיכֶער שְׁטָאט אַלֵיין קֶען מֶען דִיר בַּאצָאלְן דֶערְפַאר, אוּן דֶער מֶלֶךְ קֶען עֶס אָפְּקוֹיפְן. הָאט עֶר גֶעדַארְפְט נֶעמֶען אַ שִׁיף, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט דֶערְפַאר, [קוֹים וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַבִּיסְל גֶעהֶערִיגֶע וֶועשׁ זִיךְ אָנְצוּטוּהְן, אָבֶּער מִיט אַ רָצוֹן קֶען מֶען אַלֶעס אִיבֶּערְקוּמֶען], אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם שִׁיף בָּארְטְן, אוּן עֶר זָאגְט: אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיטְן קַאפִּיטַאן. אוּן עֶר וַוייזְט אִים דִי דֵיימַאנְד וָואס עֶר הָאט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ וֶוען דֶער קַאפִּיטַאן הָאט גֶעזֶעהְן וָואסְפַארַא עוֹשֶׁר עֶר אִיז, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַן עֶקְסְטֶערְן צִימֶער אִין דִי עֶרְשְׁטֶע קְלַאס, מִיט אַ מְשָׁרֵת וָואס זָאל אִים בַּאדִינֶען אוֹיפְן וֶועג.

יֶעדְן טָאג פְלֶעגְט דֶער קַאפִּיטַאן קוּמֶען מִיט אִים שְׁמוּעֶסְן, עֶר אִיז דָאךְ אַזַא מֶעכְטִיגֶער עוֹשֶׁר, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶעהַאט אִין זִיךְ אַ שְׁטַארְקֵייט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט מִיטְשְׁפִּילְן 'מַעֲשֶׂה עוֹשֶׁר', [כָאטְשִׁיג עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען וָואס הֵייסְט אַן עוֹשֶׁר], אוּן בִּשְׁעַתְ'ן עֶסְן פְלֶעגְט עֶר הַאלְטְן דִי דֵיימַאנְד אוֹיפְן טִישׁ, כְּדֵי עֶר זָאל זַיין פְרֵיילֶעךְ אוּן עֶר זָאל הָאבְּן אַ גוּטְן אַפֶּעטִיט.

אֵיינְמָאל נָאכְן עֶסְן הָאט אִים גֶעכַאפְּט דִי שְׁלָאף, אוּן עֶס קוּמְט אַרַיין דֶער אָפְּרֵיינִיגֶער, אוּן עֶר נֶעמְט דִי טִישְׁטוּךְ מִיט אַלֶע שְׁמוּץ אוּן בְּרֶעקְלֶעךְ, אוּן שָׁאקֶעלְט עֶס אַרַיין צוּזַאמֶען מִיטְן דֵיימַאנְד אִין יַם אַרַיין! וֶוען עֶר וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן עֶר זֶעהְט וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן: אַז דֶער קַאפִּיטַאן וֶועט גֶעוָואר וֶוערְן אַז אִיךְ בִּין אַ פָּשׁוּטֶ'ער שְׁנָארֶער אוּן אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גֶעלְט, וֶועט עֶר מִיר גְלַייךְ אַרַיינְוַוארְפְן אִין יַם אַרַיין. אָבֶּער "עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶס וָואלְט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט", אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט מִיט דֶעם זֶעלְבְּן בְּרֵייטְקֵייט אַזוֹי וִוי פַארְדֶעם.

וֶוען דֶער שִׁיף הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן נָאנְט בַּיים אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בָּארְטְן, קוּמְט דֶער קַאפִּיטַאן צוּ אִים צוּ, אוּן עֶר זָאגְט אִים: הֶער זִיךְ אַיין! אִיךְ פִיר דָא אַסַאךְ זֶעק מִיט וֵוייץ, אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא עֶס זָאל זַיין אוֹיף מַיין נָאמֶען, וַוייל מֶען וֶועט זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶע'גַנְבֶ'עט, [עֶר טָאר נִישְׁט טְרָאגְן אַזוֹיפִיל אֵייגֶענֶע סְחוֹרָה], אוּן וִויבַּאלְד אִיךְ זֶעה אַז דוּ בִּיסְט אַן אָרֶענְטְלִיכֶער גְבִיר, שְׁרַייבּ אִיךְ אַלֶעס אַרִיבֶּער אוֹיף דַיין נָאמֶען, אוּן נָאכְדֶעם וָואס מֶען וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם וַואךְ גְרֶענִיץ, אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין זַיין אִין שְׁטָאט, וֶועסְטוּ מִיר עֶס צוּרִיק אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן. אוּן עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען.

וִוי נָאר מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט דֶער קַאפִּיטַאן גֶע'פֵּגֶר'ט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דֶער אִיד הָאט פַּארְקוֹיפְט דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ מוֹרָא'דִיגֶער עוֹשֶׁר. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה: "דִי דֵיימַאנְד אִיז 'נִישְׁט' גֶעוֶוען זַיינְס, וַוייל עֶר הָאט עֶס פַארְלוֹירְן! דִי וֵוייץ אִיז 'יָא' גֶעוֶוען זַיינְס, וַוייל עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיי אִים! אוּן פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן."

(כּוֹכְבֵי אוֹר מַעֲשִׂיוֹת וּמְשָׁלִים, סִימָן ב)



# דעם רבינ'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 13

**פארזעצונג פון פריער:**

אויפ'ן וועג האבן צוויי מענטשן געמאכט פאר'ן רבי'ן גאר אסאך בזיונות, איינער פון די צוויי מענטשן, דער וואס האט דאס מערסטע פארשעמט און מצער געווען דעם רבי'ן, איז נפטר געווארן גלייך ביים אנקומען אהיים.

...

ווען ר' יצחק האט געהערט אז דער מענטש וואס האט אזוי פארשעמט דעם רבי'ן איז נפטר געווארן גלייך ביים אהיימקומען, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן, "עס שטייט דאך (משלי י"ז, כ"ו) **גם ענוש לצדיק לא טוב?**", עס איז נישט גוט פאר א צדיק צו מעניש זיין א מענטש (עיין סנהדרין קה:).

האט אים דער רבי געענטפערט מיט א משל. עס איז געווען אמאל א קעניג וואס האט זייער ליב געהאט איינע פון די קינדער פון די מיניסטארן, ער האט אים זייער שטארק מקרב געווען און אים זייער ליב געהאט. שפעטער - ווען ער איז אויפגעוואקסן - האט ער אמאל זיך מעיז געווען פאר'ן קעניג. האט דער קעניג אים געזאגט, "דארפסט פארשטיין אז כאטש וואס איך האב דיר זייער שטארק ליב, פון דעסט וועגן קען איך נישט ברעכן דאס געזעץ, און לויט'ן געזעץ קומט זיך דיר טויט שטראף", און דער קעניג האט גלייך געהייסן אים בינדן מיט אייזערנע קייטן און אריינלייגן אין טורמע.

דארט אין תפיסה האט דער געטרייער קנעכט אנגעהויבן אריינטראכטן איבער די יסורים וואס ער גייט האבן ווען מ'גייט אים הרג'ענען, און ער האט געזען אז זיין צער וועט נישט אנהאלטן פאר צו לאנג, נאר ביז ווען ער וועט גע'הרג'ט ווערן. ווען ער האט אבער געטראכט פון די צער און יסורים וואס דער קעניג וועט האבן, האט ער פארשטאנען אז דעם קעניג'ס צער וועט זיין פיל מער, ווייל ער ווייסט דאך אז דער קעניג האט אים זייער ליב, ער וועט זיך זייער בענקען נאך אים, און זיין גאנץ לעבן וועט אים נאכלויפן דער צער. און דערפאר האט דער מענטש אנגעהויבן מער רחמנות צו האבן אויפ'ן קעניג ווי אויף זיך אליין, און ער האט אנגעהויבן טראכטן עצות ווי אזוי ער קען ראטעווען דעם קעניג פון דעם גרויסן צער.

האט ער זיך מיישב געווען אז בושה איז דאך אזוי ווי מיתה (בבא מציעא נ"ח:), האט ער געבעטן דעם שר פון תפיסה אים צו טראגן צום קעניג, און ער האט געזאגט פאר'ן קעניג, "איך ווייס דאך דעם אמת אז דיין צער איז גרעסער פון מיינע, נאר דו קענסט נישט עובר זיין אויפ'ן געזעץ דערפאר מוזטו מיר הרג'ענען, האב איך אן עצה פאר דיר אז דו זאלסט זען דערצו אז איינער זאל מיר פארשעמען ברבים, און ווען מ'ווערט פארשעמט איז דאך דאס אזוי ווי מ'שטארבט, און מיט דעם וועסטו האבן יוצא געווען דאס געזעץ. דערפאר זאלסטו נעמען עפעס א גזלן פון טורמע, איינער וואס זיין טויט שטראף איז שוין באשטימט, און איך וועל זיך רייצן מיט אים און זיכער מאכן אז ער זאל זיך גוט אויפרעגן אויף מיר און מיר פארשעמען און שלאגן ברבים, און אזוי וועל איך שטארק פארשעמט ווערן, און ס'וועט מיר ווערן גערעכנט אזוי ווי איך בין גע'הרג'ט געווארן. דערנאך זאל מען נעמען דעם גזלן און אים הרג'ענען, וואס דאס האט ער זיך שוין סיי ווי פארדינט פון פריער, אבער מענטשן וועלן מיינען אז מ'הרג'ט יענעם ווייל ער האט פארשעמט א באליבטער קנעכט פונעם קעניג, און אזוי וועט נישט פארשוועכט ווערן דער כבוד פונעם קעניג און פון זיין קנעכט".

די זעלבע זאך מאכט זיך אמאל אז איינער פארשעמט דעם צדיק, און באמת טוט ער מיט דעם א גרויסע טובה פאר'ן צדיק, ווייל מיט די בושות קומט ער אפ דאס וואס ער האט שוין געדארפט נסתלק ווערן, פון דעסט וועגן איז דאס דאך אבער נישט קיין כבוד שמים אז מ'זאל זיך נישט אפרעכענען מיט איינעם וואס האט פארשעמט א גאר באליבטער קנעכט פונעם קעניג, און צו באשטראפן דעם וואס האט פארשעמט איז אויך נישט גוט ווייל ס'איז דאך נישט גוט ווען איינער ווערט געשטראפט דורכ'ן צדיק, ווי דער פסוק זאגט (משלי י"ז, כ"ו) "**גם ענוש לצדיק לא טוב**", דערפאר מאכט דער אייבערשטער אז עס זאל אויפשטיין אויפ'ן צדיק אזא מענטש וואס זיין עונש איז שוין באשטימט געווארן, ער איז שוין סיי ווי חייב מיתה פון פריער, און דער אייבערשטער מאכט אז דער מענטש זאל זיך צוזאמטרעפן מיט'ן צדיק אויף איין פלאץ, יענער פארשעמט דעם צדיק און אזוי ווערט דער צדיק געראטעוועט פון זיין עונש, און דער מענטש ווערט נאכדעם באשטראפט, און ס'קומט ארויס א קידוש שם שמים אז דער מענטש איז געשטראפט געווארן פאר'ן טשעפען מיט א צדיק. אבער באמת איז דער מענטש שוין א גע'הרג'טער פון פריער, "**גברא קטילא קטיל**" (סנהדרין פ"א.), ער האט שוין געדארפט באקומען דעם עונש פון פאראויס פאר אנדערע עבירות. דער אייבערשטער פירט אלעס מיט א פונקטליכער און גוטער חשבון, "כי ישרים דרכי ה'" (הושע י"ד, י'), "**ולא עולתה בו**" (תהלים צ"ב, ט"ז).

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

חלק ג'

## ~ שבת פרשת וישלח תשפ"ב ~

מען האט געשמועסט פון דעם וואס מען שפאצירט אין גאס און מען רעדט צום אייבערשטן, אזוי אינמיטן רעדן צום אייבערשטן אזוי געשמאק טרעפט מען זיך אז מען איז שוין אנגעקומען צום פלאץ וואו מען האט געדארפט אנקומען. האט א ברסלב'ע חסיד אמאל געטייטשט, אז דאס איז פשט פון דעם וואס שטייט ביי יעקב אבינו "ויפגע במקום" יעקב אבינו האט שפאצירט און פלוצלינג האט ער געזעהן ער איז שוין אנגעקומען.

פאר קידוש האט מען געשמעקט הדסים, און דער ראש ישיבה האט אריינגעאטעמט מיט א געשמאק, האט דער ראש ישיבה פארציילט אז א איד האט זיך גע'עג'ט וועגן דעם וואס ער האט אזוי אריינגעשמעקט אין די הדסים און זיך אנגערופן נאכדעם אההההה.. אז עס איז געווען א איד וואס פלעגט אזוי שמעקן הדסים און זיין ווייב האט זיך אנגערופן: "ביטע מאך נישט אזוי", האט ער זיך אנגערופן: מיין טאטע מאכט אזוי ווען ער שמעקט הדסים במילא מאך איך אויך אזוי, אבער זיין ווייב איז פון דעם געווארן זייער נערוועז,ביים סוף האבן זיי זיך נעבעך צוטיילט.

דערנאך האט דער ראש ישיבה פארציילט נאך אפאר מעשיות פון מענטשן וואס האבן זיך נעבעך צוטיילט וועגן קליינע שטותים וואס זיי האבן זיך געקריגט אינדערהיים, און דאס האט נאכדעם גורם געווען מען זאל זיך דארפן ג'טן רחמנא לצלן.

דער ראש ישיבה האט געזונגען דעם באקאנטן ניגון 'ווען איך וואלט געהאט כח, וואלט איך געלאפן אין די גאסן און איך וואלט געשריגן הויך, שבת, הייליגער שבת. ס'איז געווען דארט א איד וואס רעדט נאר ענגליש און דער ראש ישיבה האט פרובירט צו איבערטייטשן דעם ניגון אין ענגליש, נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט אז ס'איז דא זייער אסאך אויסדריקן אין אידיש וואס מען קען נישט איבערטייטשן אויף ענגליש, למשל, 'ס'קאסט א לאך צו חתונה מאכן אין ישיבה' וויאזוי קען מען עס זאגן אין ענגליש? 'אי"ט קאס"ט ע"ע לע"ף' נע.. ס'האט עפעס נישט קיין טעם.

האט דער ראש ישיבה האט פארציילט: אז נאך די מלחמה ווען אידן זענען געקומען קיין אמעריקע האט מען געדארפט זאגן וואס מען גייט ארבעטן, איין איד האט געוואלט זאגן אז ער גייט זיין א רבי און פירן טיש, האט ער געזאגט "אי"י ווי"ל קער"י די טעיב"ל. און די באאמטע האבן נישט פארשטאנען וואספארא ארבעט דאס איז...

מ'האט גערעדט וועגן דעם גליון 'סיפורי מעשיות' ווי שיין ס'איז געשריבן, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דער אינגערמאן וואס שרייבט עס, איז ניטאמאל אין שול און מיט דעם אלעם שרייבט ער עס אזוי שיין ווארט ביי ווארט וואס מען רעדט.

דער אינגערמאן וואס האט געגעסן דארט האט פארציילט פאר'ן ראש ישיבה אז אנשי שלומינו ליינען דעם 'בלעטל' און מאכן נאך די טריק"ס און די ווערטלעך וואס שטייט ביי 'א סעודה מיט'ן ראש ישיבה' ביי זייער סעודה אזוי האבן זיי וואס צו פרייליך מאכן די סעודה. דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט פון דעם.

ביים סעודה האבן די קינדער געמאכט א טריק מיט א ראבער, וואס קודם זעהט מען עס אויף צוויי פינגער'ס און דערנאך געבן זיי א בייג די פינגער'ס און מען זעהט דעם ראבער אויף די אנדערע צוויי פינגער'ס, דער ראש ישיבה האט עס פרובירט נאכצומאכן..

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה ארויסגענומען די ביכל מיט בילדער וואס פארציילט די מעשה פון די זיבן בעטלער'ס, דער ראש ישיבה האט געפרעגט אויב מען זאל פארציילן דארט וואו מען האלט, אדער פון אנהייב לכבוד די געסט, האבן די קינדער געזאגט מען זאל אנהייבן פון אנהייב, אזוי האט מען טאקע געטוהן, דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשה פון אנהייב מיט אזא געשמאק און מיט אזא שמחה, וויאזוי די אינגל מיט די מיידל האבן זיך פארלוירן אין וואלד און דערנאך האבן זיי געטראפן די בעטלער'ס וכו', מען האט זיך ממש געטראפן אין די מעשה.

נאכדעם זענען די קינדער ארויסגעגאנגען און זיך אנגעטוהן פארשטעלט, און צוריק אריינגעקומען זאגן אז זיי ווילן מאכן א שפיל, אבער זיי האבן נישט געוויסט וואס צו אויפשפילן, האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר זיין זוהן ער זאל זיין די בעטלער, און דער אנדערע זוהן זאל זיין די קינד אין וואלד. די קינד רופט זיך אן: איך האב נישט קיין הענט, וואס קען איך טוהן צו באקומען הענט? רופט זיך אן דער בעטלער: בעט די אייבערשטער וועסטו באקומען הענט. דערנאך האט זיך די קינד אנגערופן: איך בין בלינד, וויאזוי קען איך ווערן אויס בלינד? האט זיך דער בעטלער אנגערופן: בעט די אייבערשטער וועסטו קענען זעהן.

דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר זיין ווייב מיט א שמחה אז .... נ"י איז געווען אין ישיבה, האט דער ראש ישיבה'ס ווייב געפרעגט וואס איז די גרויסע שמחה אז ער איז געווען אין ישיבה? האט דער ראש ישיבה געזאגט "וואס הייסט?? ער איז מיין קינד! איך האב אזוי פיל כוחות אריינגעלייגט אין אים איך פיל ממש ווי א טאטע צו אים."

נאך די סעודה האט דער ראש ישיבה געטיילט ברעיק אפס פאר די קינדער, ער האט אריינגעלייגט צוויי שטיק אינטער זיין שטריימל כדי צו מאכן פרייליך די קינדער, און זיך אויפגעהויבן פון פלאץ און זיך גענומען זינגען "אמאל בין איך געגאנגען אין די לעכטיגע גאסן, האב איך געטראפן א איד, האב איך אים געזאגט שלום עליכם האט ער געזאגט ס'איז גוט, אוי ווי גיט צו זיין א איד, אוי ווי גוט צו זיין א איד, אוי ווי גוט צו זיין א איד". דערנאך האט דער ראש ישיבה געזונגען "אמאל בין איך געגאנגען אין די טונקעלע גאסן ,האב איך געטראפן א גוי, האב איך אים געפרעגט וואס מאכסטו, האט ער געזאגט ס'איז שלעכט, אוי ווי שלעכט צו זיין א גוי..

ווען מען האט גערעדט פון דעם שליח פון מאראקא אז זיין גוף איז געבליבן גאנץ, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אויב מען זאגט משניות און מען לערנט ליקוטי מוהר"ן בלייבט די גוף גאנץ".

אז מען האט שוין גערעדט וועגן אוועק גיין פון די וועלט, האט דער ראש ישיבה פארציילט פאר די קינדער אז ער איז געווען ביי באבי'ס לויה, און זיידי האט אריין געלייגט זאמד אין באבי'ס אויגן אזוי ווי דער מנהג איז, אויך האט אריין געלייגט א צווייג אין איר הענט כדי מען זאל קענען ארויסקומען ביי תחיית המתים, און מען פירט זיך אז מען זאגט אריין אינעם אויער פונעם נפטר "געדענק ביזט א נפטר".

ווען מען האט גערעדט צו גיין שפאצירן אויפן נאך די סעודה, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער פלעגט גיין אסאך אויפן בריק זיך מתבודד זיין, און זיך אויסגערעדט דאס הארץ צום אייבערשטן אויפן בריק.

מען האט גערעדט וועגן די נייע זאכן וואס קומט אלץ אפיר ביי שמחות, למשל א טערעפיסט האט געזאגט פאר די מחותנים אז מען דארף זיך אפגעבן מיט די חתן צוויי וואכן פאר די חתונה, מען שיקט אוועק אלע קינדער און מען רעדט נאר צו די חתן, אבער דאס איז אלעס נייע זאכן וואס איז קיינמאל נישט געווען.

ביים סעודה איז געווען זייער אינטערסאנט מיטצוהאלטן די געדולד וואס דער ראש ישיבה האט צו די קינדער; איינע פון די קינדער האבן געהאקט אויפן טיש ביי יעדע ניגון וואס מען האט געזינגען, און דער ראש ישיבה האט אים געבעטן ער זאל נישט האקן, נאר שיין מיטזינגען, אבער נאך א האלבע מינוט האט ער ווייטער אנגעהויבן האקן, און דער ראש ישיבה האט אים נאכאמאל געזאגט ער זאל דאס נישט טוהן, אזוי האט זיך דאס איבערגע'חזרט גאר אסאך מאל, און יעדע מאל האט אים דער ראש ישיבה געזאגט שיינערהייט ער זאל דאס נישט טוהן.

# בילדער
## אפטיילונג





דער ראש ישיבה ביים געבן א שיעור התחזקות אין בית שמש אין שטוב פון מו"ה יצחק ראטה הי"ו מנהל בית הדפוס בית שמש
ליל ששי פרשת ויגש



דער ראש ישיבה שליט"א ביים שבת ברכות פון החתן חיים נ"י
בן מו"ה נפתלי יאקאבאוויטש שליט"א - ה' ויגש



דער ראש ישיבה שרייבט בריוון ערב שבת ויגש אין ירושלים



ביים שמועסן מיט אנשי שלומינו נאכן דף גמרא שיעור
ערב שבת פרשת ויגש אין ירושלים



דער ראש ישיבה ביים לערנען שיעורים כסדרן אין היכל הקודש
ירושלים ערב שבת פרשת ויגש

# בילדער
## אפטיילונג






דער ראש ישיבה שרייבט אריין א אות אין א ספר תורה וואס מען הייבט יעצט אן שרייבן - ערב שבת ויגש אין ירושלים



אנשי שלומינו אין ירושלים ביים אויסהערן די שיעור אין א דף גמרא ערב שבת ויגש



הרה״צ ר׳ שמעון שפירא באזוכט דעם ראש ישיבה שליט״א ערב שבת ויגש אין ירושלים



מלוה מלכה אין ירושלים - מוצאי שבת ויגש



דער ראש ישיבה שערט אפ דריי יעריגע קינדער



ביים טאנצן אין מירון העכער די מערה - זונטאג ויחי




# הַפָּצָה, הַפָּצָה, הַפָּצָה

גְעוואַלד...! אוֹי ווײ...! מֶען טְרָאגְט רֶבִּי נָתָן אִין תְּפִיסָה...!

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גְעוויינְט, מֶען הָאט נִישְׁט גְעווּיסְט וָואס צוּ טוּן; דִי פָּאלִיצֵיי הָאבְּן אַוֶועק גֶעפִירְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן גֶעבִּינְדְן דִי הֶענְט מִיט קֵייטְלֶעךְ.

גֶעוֶוען אִיז דָאס וֶוען דִי מִתְנַגְּדִים הָאבְּן גֶעזוּכְט וִוי זֵיי קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן פַאר בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים; זֵיי הָאבְּן גֶע'מַסֶר'ט רֶבִּי נָתָן אַז עֶר דְרוּקְט סְפָרִים אָן רְשׁוּת פוּן דִי רֶעגִירוּנְג. דִי פָּאלִיצֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען, זֵיי הָאבְּן גֶעבִּינְדְן רֶבִּי נָתָן אוּן אִים אַוֶועק גֶעפִירְט פוּן שְׁטוּבּ.

וֶוען מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן רֶבִּי נָתָן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעפַּאטְשְׁט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז רֶבִּי נָתָן גֵייט אִין תְּפִיסָה. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֵיי הָאבְּן גֶעוויינְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּיסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּ רֶבִּי נָתָן: "רֶבִּי, וָואס זָאלְן מִיר טוּן? רֶבִּי, וָואס קֶענֶען מִיר הֶעלְפְן? רֶבִּי, וָואס וֶועט זַיין ווייטֶער...?"

קִינְדֶער אִיר ווייסְט וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט?

"הַ פָּ צָ ה ! ! !"

"אֵייעֶר זַאךְ זָאל זַיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוֹיף דֶער וֶועלְט ! ! !"

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן; עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן דִי פָּאלִיצֵיי, עֶר אִיז קְלוּגֶער פוּן דִי אַלֶע זַאכְן; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אֵיין זַאךְ מִיט וָואס מֶען קֶען מִיר הֶעלְפְן, מִיט הַפָּצָה, מִיטְ'ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט"; ווייל וֶוען אַלֶע וֶועלְן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן טוּן דִי עֵצוֹת וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען, וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קֵיין צָרוֹת.



מִיט הַפָּצָה וֶועט אִיר מִיר הֶעלְפְן

מֶען הָאט אַרֵיינְגֶעלֵייגְט רֶבִּי נָתָן אִין תְּפִיסָה אוּן עֶר הָאט ווייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין תְּפִיסָה, נָאכְדֶעם הָאט מֶען אִים בַּאפְרֵייט אוּן עֶר הָאט ווייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם רֶבִּי'ן. שׁוֹין אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר וָואס דֶער רֶבִּי אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אוּן אַלֶע ווייסְן פוּן רֶבִּי'ן, אַלֶע לֶעבְּן פוּן רֶבִּי'ן; נָאר בִּזְכוּת דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן דֶער גְרוֹיסֶער גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן, אוּן פוּן דִי מִתְנַגְּדִים אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן, קֵיינֶער ווייסְט נִישְׁט זֵייעֶרֶע נֶעמֶען, קֵיינֶער ווייסְט נִישְׁט וואו זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער לִיגְן.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר פָאלְגְן רֶבִּי נָתָן, לָאמִיר גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן רֶבִּי נָתָן, לָאמִיר גֵיין הַפָּצָה, לָאמִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט אוּנְז אוּן קֶען אוּנְז הֶעלְפְן.

לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט מִיר אוּן קֶען מִיר הֶעלְפְן, הֲרֵינוּ מְקַשֵּׁר אֶת עַצְמִי לְרַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא בֶּן שִׂמְחָה".

# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער 1 מאל

עס איז דא א רבי אויף דער וועלט וואס
פארשטייט מיר און קען מיר העלפן הרינו
מקשר את עצמי לרבינו הקדוש רבינו נחמן בן
פיגא בן שמחה

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ז | ח | ו | ז | ר | ל | ו | ע | ד | ל | ר | ב | י | נ | ו | מ | כ | ר | מ | ד | א | ט |
| פ | ד | ט | ר | כ | ש | נ | ז | ד | ב | ש | ט | ש | ה | ע | ט | ד | ש | ע | ח | ה | ש |
| ח | ה | ג | ש | נ | ב | י | ש | ה | נ | ב | ב | ב | ח | ת | צ | ה | ק | ט | ט | ח | ב |
| ש | צ | ז | ו | פ | א | ר | מ | צ | ק | נ | ד | ה | ה | ק | מ | מ | מ | י | ח | א | ו |
| ג | ק | ק | ז | ד | ק | ה | ח | ר | מ | ג | ק | ו | פ | ש | ש | נ | י | ע | ג | ט | ק |
| ר | ת | ל | ט | ט | ח | ע | ה | ח | ו | ד | ק | פ | א | פ | ק | ט | א | י | ס | פ | ר |
| ק | מ | ו | ק | י | ו | ט | נ | ו | ו | ו | מ | ג | ו | י | ש | ד | ק | ע | מ | ז | ש |
| ד | ע | ר | ק | ו | ו | א | ס | ש | ו | נ | י | ב | ר | ר | ה | ע | ל | פ | נ | פ | ט |
| ז | פ | ר | ד | פ | ד | ל | נ | ע | ד | פ | ב | ח | א | צ | מ | ק | א | ו | י | פ | ע |
| צ | ב | ס | ב | ב | ב | א | ל | א | א | כ | ו | פ | פ | ג | ד | י | א | ר | י | מ | ה |
| פ | ט | ב | ו | י | ת | ט | ד | ת | נ | ק | ר | פ | כ | א | כ | כ | ר | ד | ע | פ | ח |

העלף נחמן
נתן אנקומען
צום ברסלבי'צ
באס!





א

## שיעור מיטן רבין




### אמת

**ד. כָּל הַמּוֹסִיף גּוֹרֵעַ.**

**טייטש.** דֶער וָואס לֵייגְט צוּ, נֶעמְט אַרָאפּ.

**פירוש.** [אַז מְ'לֵייגְט צוּ זַאכְן צוּ דִי תּוֹרָה, זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן, וֶועט מֶען נָאכְדֶעם אָנְקוּמֶען אַרָאפְּצוּנֶעמֶען זַאכְן פוּן דִי תּוֹרָה חַס וְשָׁלוֹם.]

## סודאקא

| | | | |
|---|---|---|---|
| 3 | | 4 | 2 |
| | | | |
| | | | |
| 2 | | | 3 |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 7 | 1 | 5 | | 9 | | |
| | | 9 | 4 | 3 | | | | |
| 5 | | | | | 2 | | 1 | 3 |
| | | 6 | 5 | | 4 | | 2 | 9 |
| 4 | 3 | | | 8 | | | 5 | 7 |
| 9 | 7 | | 3 | | 1 | 4 | | |
| 7 | 6 | | 2 | | | | | 5 |
| | | | | 9 | 6 | 2 | | |
| | | 3 | | 4 | 5 | 6 | | |

## חידות

אפטיילונג



**וויפל וואכן וועט זיין דאס יאר שובבים?**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. 6 וואכן
ב. 8 וואכן
ג. 5 וואכן

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

**שאלה:** **דער הייליגער רבי זאגט: אייער ארבעט זאל זיין צו**

**ענטפער:** צושפרייטן דעם רבינ'ס ספרים

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**רייזל וועבערמאן תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

# בילדער ארכיון

דער ראש ישיבה שליט"א
באזוכט ארץ ישראל
שנת תשע"ב


ביים ציון פון שמעון הצדיק אין ירושלים


ביי קבר רחל


אין ירושלים


אין פארנט פון בית המדרש היכל הקודש יבנאל


ביים באטראכטן די פלאץ פון מוהרא"ש ביי מזרח וואנט


ביים באטראכטן דעם גאנצן בית המדרש אין יבנאל

# בילדער ארכיוון

דער ראש ישיבה שליט"א
באזוכט ארץ ישראל
שנת תשע"ב




ביים באזוכן כולל אברכים אור המאיר אין יבנאל



ביי מוהרא"ש זי"ע אינדערהיים אין יבנאל עיר ברסלב




ביים ציון פון קבר רבי מאיר בעל הנס אין טבריה



ביים ציון פון תנא רבי עקיבא אין טבריה



אויף די בערג פון יבנאל עיר ברסלב



ביים ציון פון הייליג'ן רמב"ם אין טבריה